# כל ישראל ערבים זה בזה

## אל הקהל היהודי - להסיר מכשול

## מזוזות פון יאפאן און טשיינע - געדריקט אויף פארמעט

**מורי ורבותי!!!, - עת צרה ליעקב, - די צרה פון די נישט כשר'ע מזוזות איז היינט רח"ל די ארגסטע זייט די וועלט שטייט. וואס עס איז אום מעגליך דאס צו גלייבן, און צו באשרייבן.**

מורי ורבותי!!!!

עס איז צו מיר געקומען א איד מיט זייער שיינע מזוזות פון 6 אינטשעס גרויס ממש א הערליכע כתב ווי דער בעסטער סופר אין וועלט וואלט דאס געשריבן.

איך קוק און קוק און איך הער זיך נישט אויף צו וואונדערן אזא שיינע כתב האב איך נאך נישט געזעהן, מען זעהט אויף יעדן ווארט דאס יראת שמים פון דעם סופר וואס האט דאס געשריבן.

רבותי!!!

וואס זאל איך אייך זאגן, איך האב שוין געוואלט באשטעלען נייע מזוזות פאר מיין שטיב, איך האב ב"ה גאר טייערע מזוזות בלויז מיט 22 יאר האב איך געקויפט 21 מזוזות און איך האב געצאלט $100 פאר יעדע מזוזה, עס איז טאקע פון די חשובע סופרים פון ברוקלין, און איך טראכט אריין, פאר אזא שיינע כתב לוינט זיך מיר צו באשטעלען נייע מזוזות.

איך פאנג אהן צו קוקען, איך זעה עס האט א קליינע תיקון צו פארעכטען, איך קוק די צווייטע מזוזה, איך טרעף דעם זעלבן תיקון, קוק איך שוין אויף די דריטע מזוזה אין די זעלבע חזרט זיך איבער. איך בין מדייק און איך נעם אנאכט אז די מזוזה איז א געדריקטע מזוזה, ווייל א סופר קען נישט מאכען דעם זעלבען גרייז איבעראל, איך קוק און זעה ווי אלע אותיות זענען געמאסטן פינקטליך.

רבותי דער איד האט באצאלט $90 פאר די געדרוקטע מזוזה אויף קלף (פארמעט).

עס דערמאנט מיר א מעשה ווי הגה"צ הרב וואזנער שליט"א פון ב"ב האט געהאפט 2 חשובע ירושלימער אינגעלייט וואס האבען געדריקט צענדליגע טויזנטער מזוזות אויף הארטע פאפיר וואס האט אויסגעזעהן די זעלבע ווי קלף (פארמעט), אבער די חברה גנבים האבען זיך אן עצה געגעבען און זיי האבן דאס געדרוקט אויף קלף.

חשובע אידן!!!, זייט געווארנט ווען איר גייט קויפן א מזוזה, ווייזט דאס קודם פאר א צווייטען סופר א גרויסען ירא שמים, וואס פארשטייט די פראבלעמען וואס עס קומט פאר אויף די פארדארבענע וועלט.

### כל הזהיר במצות מזוזה יאריכו ימיו וימי בניו

**מצות מזוזה**: הנה כתיב (דברים ו, ח) "**וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך**", ונשנה בפ' עקב (יא, כ). ובפ' עקב שם (פסוק כ"א) מפורש שכר המצוה: **למען ירבו ימיכם וימי בניכם** על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם לתת להם כימי השמים על הארץ".

וז"ל הטור (יורה דעה סימן רפ"ה): **וכל הזהיר בה** [במצות מזוזה] **יאריכו ימיו וימי בניו, דכתיב למען ירבו ימיכם וימי בניכם**[1], עכ"ל. ועד"ז הוא בשו"ע שם (סעיף א'): **וכל הזהיר בה יאריכו ימיו וימי בניו**[2], עכ"ל.

### שמירת הבית ע"י המזוזה הוא נס נגלה

על מ"ש בטור שם: וגדולה מזה שהבית נשמר על ידה וכו', כתב הבית יוסף, וז"ל: א"וכל הזהיר בה יאריכו ימיו וימי בניו" קאי. ואע"ג דיותר חביב לאדם אריכות ימים משמירת הבית, משום דאריכות ימים הוא נס נסתר ושמירת הבית הוא נס נגלה, **שהדרים בשאר בתים שאין בהם מזוזה נזקין והדר בבית שיש בו מזוזה ניצול**, קרי לשמירת הבית גדול. א"נ, משום דשמירת הבית הוא הפך מנהג מלך של ב"ו, שהוא מבפנים ועבדיו משמרים אותו מבחוץ, קרי לי גדול, עכ"ל.

ובפרישה הביא את דברי הב"י הנ"ל, וכתב על זה, וז"ל ואפשר דקאי אדסמיך, ובא לומר, **לא זו [בלבד] שאינן מתים כשיש מזוזה, אלא אפי' אינן ניזוקין**, משא"כ כשאין שם מזוזה דמתים, כמ"ש לפני זה.

**גדולה מצוה מזוזה משאר כל המצוות, דמלבד השכר על קיום מצוה זו (אריכות ימים), מגיע לו הנאה וריוח מגוף המצוה עצמה, שהבית נשמר על ידה**

והב"ח כתב על זה, וז"ל: לפע"ד נראה דה"ק, וגדול מזה, **דלא לבד שהקב"ה נותן לאדם שכרו על קיום מצוה זו**, דהיינו אריכות ימים הוא ובניו, **אלא אף זה דהמצוה עצמה היא שומרת ביתו**, שע"י נשמר (מבית) [הבית] מכל היזק. משא"כ בשאר כל המצוות, דאע"ג דנאמן הוא יתברך שישלם לאדם שכר לעתיד על קיום מצותיו, מכל מקום אין מגיע לו שום הנאה וריוח מגוף קיום המצוה בעצמה. משא"כ **במצוה זו דאיכא הנאה וריוח מגוף המצוה עצמה**, שהבית נשמר על ידה. וזה נוסף לו על השכר שיתן לו הקב"ה על קיום המצוה, כמו שנותן שכר על כל שאר קיום מצוותיו לפום צערא אגרא, עכ"ל. ובזכות שמירת כשרות תפילין ומזוזות נזכה לגאולה שלימה במהרה דידן אמן.

וע"ז באעה"ח ט' ניסן תשנ"ט לפ"ק

הק' שלום יהודה גראס

אבדק"ק האלמין יצ"ו